איבערבליק

### החלטות 'עצרת מיליאן' דערקלערט:

# אין לנו גיוס! רק התור"ה הזאת...

## וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ

ווען מיר זענען געווען אינג, און געדארשט צו וויסן מער איבער אידישע היסטאריע, האבן מיר צווישן אנדערע געליינט ביכער פון צדיקים פון די לעצטע הונדערטער יארן, אויך ביכער איבער די צרות און שוועריגקייטן פון כלל ישראל במשך הדורות. באזונדער האבן מיר זיך באקענט מיט פילע פון די גזירות שמד וואס האבן געפלאגט דעם כלל ישראל לכל אורך הגלות. אבער דער הויכפונקט און מערסט אומגלויבליכע קאשמאר געשיכטעס, וועלן אלע צושטימען, זענען "די כאפערס". די גרויזאמע שליחים צו אוועקכאפן קליינע אידישע קינדער אלס קאנטאניסטן פארן רוסישן צאר. עס ליגט איינגעקריצט אין זכרון ווי מיין דאן אינגע מח'ל האט נישט געקענט שלום מאכן מיטן שרייבער פונעם ביכל אז עס האבן זיך ווירקליך אזעלכע שרעקעדיגע סצענעס אפגעשפילט.

יא. מיר האבן שוין געהערט פון גזירות מצד המלכות אויף ערוואקסענע, עס איז גוט באוואוסט די ביטערע ליידן און פארוואלגענישן פון אינגע קינדער דורכאויס דעם בלוט דורכגעווייקטן גלות, אבער אז אידן און נאך די מכובדים פון דער קהלה זאלן בידים איבערגעבן אינגע קינדער און בחורים'לעך פאר די רוסישע גוים, האט זיך נישט געלאזט פארדייען. בלויז ווייל זיי זענען ארעמס? ס'שטימט נישט! וואו איז דאס אידישע הארץ? צו ראטעווען די אייגענע קינדער האט מען מפקיר געווען און געלאזט אלמנות וויינען אויף זייער דאפלטע בראך. ס'האט זיך נישט געלייגט אויפן שכל.

איך בין עלטער געווארן, אסאך שוין צוגעזען, אבער יענע קאשמארן לאזן נישט נאך. אין חלום קען איך נאך זען א שווארצע וואגן, וויינענדיגע מאמעס קלאפן זיך צוזאם די הענט און חלש'ן דארט אויפן ארט ווען סאלדאטן רייסן ארויס פון זייערע הענט זייער איינציגסטע טרייסט, זייער איינציגסטע האפענונג, זייערע באליבטע קינדער. די קינדער רייסן זיך די האר פון קאפ, די וואגן ווערט ווייטער קלענער און פארשווינדט פון שטעטל אויף אייביג.

## חסורי מחסרא וגוזמא קתני

די סצענע רירט פארשטיינערטע הערצער אפילו שטייענדיג שוין היינט אזויפיל יארן שפעטער. ווי אזוי לאזט זיך אזוינס שרייבן און גלייבן אז אנגעזעענע אידן, גאר די ראשי קהלה, זענען געשטאנען אין דער זייט גלייכגילטיג צו דער גאנצער הארץ-רייסנדער סצענע ווען מען פירט אוועק נעבעכדיגע קינדער אויף אזעלכע שרעקליכע אומבאוואוסטע וועגן? "וכל באיה לא ישובון". מען האט פון דארט קיינמאל קיינעם נישט צוריקגעזען. ס'קען אזא זאך נישט זיין, נאר אז דער שרייבער איז א פאנטאזירער.

נישט בלויז איז דאס הארצרייסנד אין מענטשליכן באגריף. א קינד אויסרייסן פון דער מאמעס ארעמס ווען זי זעט אים צום לעצטן מאל אין איר קורצן שווערן לעבן. דער ווייטאג איז פיל טיפער דערפון און ווייטגרייכנד. כלל ישראל האט דאן פארלוירן אויף אייביג אן אומגלויבליכן מספר פון אומגעפער פופציג טויזנט נפשות! זיי מיט זייערע דורות אויף אייביג. נטמא בין הגוים, פארוואגלט און אפגעריסן פון שורש. א חשבון וואס וואלט היינט באטראפן מיליאנען ערליכע אידישע קינדער. דער גרעסטער פליאה און שווערסט-אומפארשטענדליכער טייל פון די געשיכטעס איז אז דאס איז געטון געווארן בהסכם ובידיעה תחלה, אדער גאר בידים ממש ווען די קינדער זענען געשלעפט געווארן לשחיטה דורך אנגעזעענע אידן - ניין, ס'גלייבט זיך נישט!

ווייפיל יארן ס'איז שוין אריבער, האב איך נישט משלים געווען דערמיט און געהאלטן אז גוזמא קתני. ס'איז דאך נישט מעגליך אז אזא זאך זאל זיך אפשפילן אין דער ווירקליכקייט. מיר ווייסן אז אידן – אין אלע דורות - האבן זיך זעלבסט געלאזט הרג'ענען, אבער אויף קיין פאל נישט מסכים געווען איבערצוגעבן אנדערע אידן להריגה. ס'קען יעדער די הלכה 'אין דוחין נפש מפני נפש' - אפילו אויב מען קען דערמיט ראטעווען א גאנצן ציבור, טאר מען אויף קיין פאל נישט איבערגעבן א איד צום גוי. ביי די טרויעריג בארימטע בלוט בלבולים האבן זיך אידן געלאזט פארפייניגן

צום טויט, אבער נישט 'מודה' געווען און נישט ארויסגעגעבן נעמען פון אנדערע. ווי איז אזוינס מעגליך צו לייגנען איבער אזעלכע שרעקליכע סצענעס פון איבערגעבן אידישע קינדער לשמד ולהריגה צום רוסישן צאר, וואס האט זיי אלע אויסגעשמד'ט און געשיקט אויפן פראנט גע'הרג'עט צו ווערן?

אלזא בין איך געבליבן ביים מסקנא אז ס'איז זיכער א חסורי מחסרא וגוזמא קתני, וואס האט בארואיגט מיין געוויסן און מיר ערמעגליכט צו קומען צו זיך פון אזעלכע שאקירנדע סצענעס.

## דער ראש הקהל שרייט "ביטול תורה"

ליידער האבן מיר דאס געדארפט דערלעבן און אנקומען צום הכרה אז 'יש דברים בגו'. מיר האבן דאס אלע מיטגעהאלטן. די מציאות פאטשט אין פנים, ס'איז ליידער פארהאן אזא שרעקליכע מציאות - די ידיעה און אנערקענונג אז אלעס געליינט איבער "די כאפערס" איז ליידער א פאקט. ואין כל חדש תחת השמש.

פון פריש זענען ארויפגעקומען אלע קאשמארן פון אלס קינד נאכן ליינען איבער "די כאפערס". יא! די מאמע, די אלמנה, לויפט נאך דעם וואגן, מען רייסט זיך די האר פון קאפ. די קולות גייען עד לב השמים, דאס שטעטל יאמערט, מען רייסט אים ארויס פון אירע ליבליכע הענט, מען פירט אים אוועק פון זיין ווארימע היים און פון דער שויס פון כלל ישראל פאר אייביג.

בו בזמן ווען דאס שפילט זיך אפ, רייסן זיך "די כאפערס" אריין אין א 'טיר-צו-טיר אבלאווע'. די טרויעריג בארימטע שווארצע וועגענער האט שוין די 'סחורה' אינעווייניג גרייט אפצופירן פרישע שטעטל קינדער אין מיליטערישע קאזארמעס. עס שפילט זיך אפ די ריכטיגע בראך, די טראגעדיע דערגרייכט קלימאקסן. ווען אינעם זעלבן שטאט, עטליכע גאסן ארויפצו, שטייען עטליכע פוסעי על ראשי עם קודש און מאכן געוואלדעס צוזאמצורופן די שטאט, אנשטאט אפצושטעלן די וועגענער, אויסצונוצן זייערע קשרים, און בטל צו מאכן דעם טראנספארט שטייט מען און מען ליאמערט קעגן איין שווארצע וואגן וואס טראגט אינעווייניג דעם זון פונעם ראש הקהל. מען בלאזט שופרות, מען רודערט א לאנד, מען זאגט פסוקי תהלים, מען שרייט געוואלד!

אין דער צייט וואס צובראכענע מאמעס, אלמנות און ארימע משפחות לויפן נאך דער וואגן, טוט דער ראש הקהל פארלייגן וועלטן אויף 'הצלת נפש אחת'. ער טוט אנצייגן פאר די כאפערס וועמען נאך זיי קענען כאפן און וואו זיי זענען באהאלטן, אין אויסטויש אז זיי זאלן עפענען די שווארצע טירן און באפרייען זיין מתמיד'ל! א דאפלטע בראך, אן אומגלויבליכער שבר על גבי שבר. על עם ישראל כי נפלה בחרב!

## איר קענט כאפן וועמען איר ווילט אבער "נישט אונזערע"

עצרת המיליאן. א ריזן ציבור פאררופן דורך די העכערע פון שטייסל איז געלונגען ארויסצושלעפן אויף די גאסן פון ירושלים עיה"ק א מספר עצום פון שווערע הונדערטער טויזנטער עהרליכע אידן וועלכע בלוטיגן אויף די גזירה האיומה. דער גאנצער עצרת איז אויסגעפלאנירט געווארן פון פאראויס אן קיין רעדעס ח"ו... אן קיין שארפע שילדן ח"ו... אן קיין בלוטיגע טרערן אויף די פילע ארעסטירטע אין די תפיסות. נאר איין זאך האט מען אויסגעשריגן צו די כאפערס: "נישט אונזער מתמיד'לן!" מיר וועלן איבערדרייען ארץ ישראל. מיר וועלן אפשפארן דעם פארקער, שטעלן די לאנד אויף די פיס. איר קענט כאפן וועמען איר ווילט אבער "נישט אונזערע"! די תורה וואס "אונזערע קינדער" לערנען איז הייליג און געשעצט און דאס באשיצט די מדינה מיט אירע כאפערס פון זייערע אראבישע פיינט!

א ריזן עצרת, גרויסע מייקס, אבער קיין ווארט נישט קעגן די צענדליגער "נישט אונזערע" בחורים וועלכע זיצן אונטערדרוקט 'יעצט' אין ארעסט. קיין איין "מחאה" פלאקאט צו שטורעמען הימלען קעגן די אפיציעלע "שמד" אפעראציע פון "נישט אונזערע" בחורים! הונדערטער טויזנטער אידן שרייען מ-ל-ח-מ-ה, אבער דורך דעם געפילטערטן מייק סיסטעם הערט מען נאר א קול ענות, המענין את נפש שומען! מען לאזט דאס נישט געזאגטע אפהילכן איבער'ן גאנצן לאנד: כאפטס אנדערע בחורים! ארעסטירט רעכטס און לינקס, שמד'ט אויס טויזנטער בחורים און אינגעלייט כאוות נפשכם, אבער רירט נישט צו "אונזערע קינדער"! די לומדי תורה טאר מען נישט שמד'ן!

דער משל מיטן נמשל קען נישט זיין מער קולע אל השערה, ווען ליידער טאקע די זעלבע וואך ווען אזויפיל האבן געשריגן קעגן פארכאפן דעם מתמיד'ל פונעם ראש הקהל, האבן די כאפערס זיך איינגעריסן אין א בית האבל און פאר די אויגן פון דער פרישער אלמנה ארויסגעריסן פון שטוב דעם יתום'ל, א בחור'ל - גראדע אויך א מתמיד - וועלכער איז אויפן ליסטע פון די כאפערס צו ווערן אוועקגעכאפט מבית אביו בשמים, אים אפצושמדן אינעם ציוניסטישן כור ההיתוך. און וואו זענען די ראשי קהלה? אה... זיי שרייען אויף די גאסן אז מען טאר נישט שטערן די לומדי תורה. מעגליך האבן זיי געלאזט וויסן פאר די כאפערס אז אן אבל איז דאך אסור בלימוד התורה, איז ער דאך א פאסיגער ציל.

## אין כאן לא גזירה ולא גיוס

מיר דארפן אייך נישט זאגן אז די החלטת העצרת האט נישט פארמאגט די שרעקליכע ווערטער 'גזירת גיוס'. דאס איז דאך פארשטענדליך, ווייל אז ס'איז נישט פארהאן קיין גזירה, דאן וועלן די מארגנים נישט שרייבן קיין ליגנט. אבער קוקנדיג איינמאל און נאכאמאל אויפן גאנצן החלטת העצרת, ווערט נישט דערמאנט דאס ווארט 'גיוס' אפילו איינמאל אויך נישט! לב מי לא יחרד! ווי איז אזוינס מעגליך ווען מען האט זיך ווירקליך דערלעבט איבערצולעבן אזעלכע נידריגע צייטן, ווען הונדערטער טויזנטער תמימות'דיגע אידן ווערן ארויסגעשלעפט אין די גאסן? אנשטאט דאס אויסצונוצן און אויסצושרייען דעם ווייטאג וואס אלע הונדערטער טויזנטער אידן שפירן, נוצן די ראשי קהלה אויס די נאאיווע מאסן און לייגן ארויס זייערע בעלי דרשנים מיט געקליבענע דרשות בי"ג נפין און א געלעכטערליכע החלטה וואס לאזט אלעמען קלאר זייער מהלך פון ביז היינט ווייטער מפקיר צו זיין טויזנטער נפשות יקרות.

עס כאפט א שוידער ביים אפליינען דעם לעכעריגן 'החלטות העצרת'. אין די קורצע 5 סעיפים ווערט דערמאנט די מושג פון 'תורה' ולומדי' גאנצע 38 מאל! און קיין איין איינציג מאל נישט דערמאנט דאס ווארט 'גזירה'. ניטאמאל דאס ווארט 'גיוס'. אויב וואלט דער שרייבער געגאנגען אויף א פארמעסט, וואלט ער אן קיין צווייפל זיך פארדינט א מעדאל אין טשטוש העיקרים. אין אזעלכע קורצע שורות אזוי פאכמאניש ארויסנעמען די נשמה פונעם עצרת, אזוי קונצליך צוריקקומען איינמאל און נאכאמאל צו דאס ווארט 'תורה' און דאס ווארט 'ישיבה' אדער 'כולל'.

דער שטורמישער עצרת, וואס האט געזאלט טראגן א מטרה אויף צוויי פראנטן: איינס, צו אויפטרייסלען די מדינה און צייגן פאר די גוזרי גזירה אז דאס יהדות החרדית איז פאראייניגט ווי קיינמאל פריער. צווייטנס, צו שענקען א רוקן פאר די הונדערטער טויזנטער שלומי אמוני ישראל וואס וואוינען צעזייט און צושפרייט איבער'ן גאנצן לאנד אויסצושרייען "ה' עמכם גיבורי תורה" צו לאזן וויסן אז מען זאל זיך האלטן שטארק און נישט פאלן פאר דרוק פון פאליציי, פאר קיין אבלאוועס און ארעסטן, און אויף קיין פאל נישט גיין אין מיליטער. האט מען דאס אבער ביידע בזדון פארשפילט.

לגבי די ערשטע נקודה צו שיקן א ווארענונג צו די גוזרי גזירה, איז נישט פאראאן קיין שום שארפע דערקלערונג אינעם החלטת העצרת צו די רשעי ישראל. (לכה"פ וואלט עס געדארפט זיין אזוי הארב ווי מען זעט אויף זייערע מודעות בעפאר די בחירות) גראדע איז פאראאן איינמאל וואו מען באנוצט זיך מיט גאר א שארפן לשון... "וכל המקדיש חייו לתורה אסור להטיל עליו עול אחר". זיי וואונדערן זיך וויאזוי די מדינה האט פארזען אזא אפענעם מאמר חז"ל...

אויך דעם צווייטן חלק האט דער שרייבער בזדון ארויסגעלאזט. דאס מערסטע וואס ער האט זיך ערלויבט, איז א געבעט צום בחור 'שאו ברכה ועשו חיל בתלמודכם, לתפארת עם התורה'. ס'טראגט א פנים ווי א בר מצוה מתנה באגלייט מיט ווארעמהארציגע ברכות.

און דא שטעלט זיך די 'מיליאן' דאלער פראגע! השתגעתם?

פארשטייט זיך אז די מארגנים האבן נישט פארגעסן בעפאר דעם עצרת צו פארשפרייטן אויף אלע קאנאלן און סאציאלע מידיא זייטלעך אז דער ציבור זאל זיך אויפפירן בדרכי נועם און חלילה נישט מאכן קיין חילול השם דורך זיך שלאגן מיט די פאליציי א.ד.ג..... הייסט דאס אז לויט דער הכרזה דארף אויסקומען אז מתתיהו כהן גדול מיט זיינע פינף הייליגע זין, די חשמונאים, האבן געמאכט א חילול השם פאר די מתיוונים?! מיר ווייסן נישט אויב מען זאל דא לאכן אדער וויינען.

די בלוט-דורכגעווייקטע געשיכטע פון כלל ישראל האט אונז שוין אסאך געלערנט. ווען מיר ליינען די היסטאריע פון אמאל און עס כאפט אונז אן א טרייסל, זעענדיג און זיך וואונדערנדיג: ווי אזוי איז אזוינס מעגליך? אבער ווען ס'קומט צו די נסיונות הזמן, פארפעלט מען צוזאמצושטעלן דעם גאנצן בילד און זען אז אט דאס, ממש געגוי, שפילט זיך יעצט איבער אין די טונקלסטע פארבן, ווען דאסמאל זענען גאר פראמינענטע אידן א טייל פון די וועלכע זיצן ביי די געזעץ-אפשטימונגען אוועקצושניידן ריזיגע

בס"ד

# החלטות העצרת

**עצרת התפילה המתכנסת היום ברחובה של עיר הקודש ירושלים, במעמד רבבות אלפי עמך בית ישראל מכל העדות והחוגים, בראשות מרנן ורבנן רועי ישראל גדולי התורה וחכמיה וצדיקי הדור שליט"א, ובהשתתפות ראשי ישיבות, יושבי על מדין, מרביצי תורה ולומדיה השקועים בלימודה, שפכה שיח בפני אבינו שבשמים שיצילנו ויפדנו מכל רע שזוממים על עמלי התורה, והיא מביעה עם זאת את זעקתה, כאבה, ומחאתה נגד הפגיעות הקשות והחמורות בלומדי התורה אשר בארץ הקודש. על דעת גדולי וחכמי הדור קיבלה העצרת את ההחלטות כדלהלן:**

**א.** העצרת מצהירה קבל עם ועדה כי התורה היא חיינו, התורה היא משוש לבנו, התורה היא אשר מסרו אבותינו את נפשם על לימודה ועל קיומה זה אלפי שנים. אין לנו שיור אלא התורה הזאת, ואין אומתנו אומה אלא בתורותיה, כנודע. התורה היא זו שעמדה לנו בכל הזמנים להגן ולהושיע, וגם בימים אלו התורה הקדושה היא זו שמגנה על הישוב באהר"ק ועל עם ישראל, ובזכותה בלבד אנו קיימים, ולא יעלה על הדעת למעט מלומדיה ולהצר את צעדיהם, ועל כן העצרת מביעה את דרישתה הנחרצת מהשלטונות כי יש לשמור מכל משמר על ההסדר שהיה קיים במשך כל השנים לגבי לומדי התורה, שכל החפץ ללמוד תורה יוכל לעשות זאת ללא מגבלה וללא הפרעה, כפי שנפסק להלכה שכל המקדיש חייו לתורה אסור להטיל עליו עול אחר, כי הם תקוות עמנו.

**ב.** העצרת מביעה בזאת מחאה כואבת נגד חילול ה' הנורא הנגרם מכך שתלמידי הישיבות הקדושות, העוסקים בתורה ובעבודת ה', נעצרו באופן מחפיר ונכלאו בתנאים קשים בין חומות הכלא. מעשה זה מהווה פגיעה חמורה בזכות הבחירה של בני תורה אלו להקדיש את חייהם ללימוד התורה ולהגות בה, ואף פגיעה בחופש הדת כפי שהתחייבו בחוקי המדינה. היהדות החרדית לא תשלים עם המצב הנורא הזה! כמו כן מביעה העצרת מחאה על הניסיון הנואל להצר את רגלי עולם התורה בארץ ישראל ולמנוע את פריחתו.

**ג.** העצרת מוחה כנגד מערכות המשפט והפקידות המשפטית, שבעזות מצח לוחמים נגד התורה ונגד לומדיה. כל החלטותיהם והכרעותיהם, לרבות המלצותיהם ועצותיהם, נובעות אך ורק מרצון להתנכל ללומדי התורה ולהצר את צעדיהם. ולדאבוננו נתקיים בנו, מקום המשפט שמה הרשע. העצרת קוראת לאותן מערכות לחזור בהם מדרכם הנלוזה, ומזימתם לא תצלח! וכמו כן העצרת מביעה את כאבה נגד ממשלת ישראל אשר לא פעלה כדי למנוע מצב מחפיר זה. אנו נמשיך בלימוד התורה בכל תנאי ובכל מצב!

**ד.** העצרת פונה בלב כואב לאחינו בית ישראל, ולאותם התועים שטרם זכו לאור התורה, בקריאה נרגשת, אחינו! בכל העיתים והזמנים אבותינו מסרו את נפשם למען לימוד התורה הקדושה, היתכן שדווקא כאשר זכינו להיות בארה"ק תהיה פגיעה בלומדי התורה?! לא יעלה על הדעת שבכל העולם מתאפשר לכל אדם ללמוד תורה כרצונו ודווקא בארה"ק ירדפו את בני התורה.

**ה.** העצרת מייקרת ומרוממת את תלמידי הישיבות הקדושות ואברכי הכוללים שיחיו, השקועים בתורה ולנים בארבע אמותיה, המקדישים את כל ימיהם ללימוד התורה הק'. חזקו ואמצו! אל תערצו ואל תחתו מפני החורשים עליכם רע, המשיכו לשקוד בתורת ה', וברכת כל עם ישראל מלווה אתכם בכבוד ובהערכה: שאו ברכה ועשו חיל בתלמודכם, לתפארת עם התורה, לשם ולתהילה.

שטיקער פונעם כלל ישראל.

מען גייט אין די גאסן און מען שרייט "תורה", ווען עס טרייסלט און שאקלט דאס געוויסן איבער די אפיציעלע שווייגעניש און גאר צוזאמארבעט מיט די גוזרי גזירה. דער עצרת האט נישט דערמאנט קיין שום מחאה קעגן די אנגייענדע ארעסטן פון צענדליגער בחורים. די בחורים האבן אויך געוואלט זיין א טייל פונעם קידוש שם שמים, אבער האבן נישט געקענט צוליב די קייטן אויף זייערע הענט. די שרעק און פחדים פון ערליכע בחורים 'נישט לומדי תורה', ד.ה. בחורים וואס האבן נישט אן אפיציעלן זיגל פון אן אנערקענטער ישיבה, וועלכע שטייען אויס להשמי"ד ולהרוג, די איבערפעלער נאכט נאך נאכט. אלעס איז כלא היה.

זיי ערקלערן דרייסט אז אין כאן לא גזירה ולא גיוס. א כפרה פאר כלל ישראל. דער עיקר ס'זאל נישט זיין קיין ביטול תורה. אין לנו גיוס רק התור"ה הזאת!

## לא אלמן ישראל

עס דארף דערמאנט ווערן אז דער וויי-געשריי פון די הונדערטער טויזנטער אידן איז נישט גענצליך פארשטימט געווארן. די ערליכע עסקנים האבן אויסגענוצט די קריטישע צייט מיט אן ערמה און אונטערן באוואוסטזיין פון די בעלי העצרת האט מען אויסגעצויגן ריזיגע ליילעכער מיט דעם 'ריכטיגן' ווייטאג פון יהדות החרדית.

שילדן אין די הייעך פון עטליכע שטאקן זענען אויסגעצויגן געווארן לארכה ולרחבה פונעם עצרת, וואס האבן איבערגעדעקט אלע ריזיגע געביידעס לענגאויס עטליכע גאסן מיט שרייעדיגע ווערטער 'נמות ולא נתגייס' - 'בזים למעצרים מתנגדים ליעדים. לא, אפילו לא אחד'! - אויך איז אויפגעשטעלט געווארן איבער די לענג און די ברייט פון די עצרת-גאסן גרויסע שאטערס כאילו צו באשיצן עלטערע אידן פון דער זון, ווען דער דאך דערפון דינט אלס דער אמת'ער ציל, אלס א ריזן שילד קעגן פשרות און פאראאנדלונגען! 'לא פוחדים ממעצרים אך פוחדים מיעדים!' און איז געווארן אפגעכאפט פון אלע דעכער און דראונס, אויסשרייענדיג דעם ריכטיגן מעסעדזש אפצושטעלן דעם שמד הנורא.

אזוי אויך איז געווען קענטבאר דער אור מתוך החושך ווען ביי איין ווינקל פונעם עצרת אויף א באזונדערע באלקאן וואו עס איז געשטאנען הגאון רבי משה צדקה שליט"א, ראש ישיבת פורת יוסף, מגדולי חכמי עדת הספרדים, ווען תיכף נאכן אפיציעלן עצרת, ווי מען האט אלעס פארשוויגן, האבן זיך הערשט דאן אנגעצינדן זייערע הויכהילכערס וואס זענען געהערט געווארן אויף אלע גאסן ארום און ארום, וואו מען האט אויסגעשריגן א ריכטיגע קול 'מחאה'. מיט שרייעדיגע שילדן קעגן די חוק מכסות און יעדים אונטערן בימת הכבוד, מיט א רוף אז 'אלע בחורים' פון אלע קרייזן אין אלע אומשטענדן זענען אסור זיך צו שטעלן אין מיליטער.

## אומגעוואונטשענע גערודער שטערט די יעדים

ליידער פארווישן די מארגנים דעם גאנצן עצרת אין דער פרעסע. זיי נוצן גאר דעם עצרת צו שטופן זייער אגענדע אפצו'שמד'ן בחורים פון פרעמדע ישיבות און שטיבער. זיי טוען אנצייגן אז מיטן נעמען די 'לומדי תורה' ברענגט דאס אומגעוואונטשענע גערודער וואס שטערט פארצוזעצן מיט די יעדים און עס מאכט חרוב די נייע חוק הגיוס. מען זאל שוין אפשטעלן דעם וואגן פונעם ראש הקהל'ס זון... ווייל דאס שטערט פארצוזעצן צו פארכאפן די איבריגע פופציג טויזנט נפשות!

בימים ההם בזמן הזה... די אלמנה לויפט נאך א וואגן. כלל ישראל וויינט אויף די טויזנטער געפאלענע און די הונדערטער פארפלאנטערטע. שטייען אין דער זייט פירער פון אנערקענטע קהילות וואס וואלטן געקענט צושטערן די מזימות הרשע אין אן אויגנבליק. זיי האבן דעם כח, דאס געלט, און די מעגליכקייטן, אבער נאר נישט קיין רצון. אנשטאט ריזיגע שילדן 'מ-ל-ח-מ-ה', שטייט מען מיט 'זעקת התורה' שילדן אין דער רעכטער האנט און א שופר אין דער לינקער האנט און מ'לאזט הערן א דרייסטן מעסעדזש פאר די כאפערס: נישט אונזערע קינדער. ס'איז ביטול תורה!

**לא נחרבה ירושלים אלא בשביל שהעמידו דבריהם על דין תורה!**



